בס"ד

שנה ג'
נומער ק"ז
**פרשת שמות**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בעטל

# ברוכים הבאים
## צו די נייע משפחות

## דעם רבינ'ס נסיעה קיין ארץ ישראל

## מעשיות פון תפלה

**שטעטל נייעס:**

## א נייע לעבנסוויכטיגע מאשין געקויפט על כל צרה שלא תבא



יארצייט פון רבי נתן זי"ע אין שטעטל

# קרית ברסלב ליבערטי

רעדאקציע
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1169
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

## בריוו צו די רעדאקציע

### באקומען דעם בלעטל אין מאנטריאל-קאנאדא

דא שרייבט צו אייך א איד פון מאנטריאל קאנאדא, איך קען קוים ווארטן יעדע וואך די בלעטל זאל ארויס קומען, דאס איז די וועג וויאזוי איך קען מיטהאלטן וואס עס טוט זיך אין היכל הקודש יעדע וואך, און דאס מאכט מיר פריש.

ביזדערווייל דרוקט מען עס דא אויף שווארץ און ווייס, אפאר וואכן צוריק האט עס איינער פון אמעריקא געברענגט אין קאליר, איך האב מיך באלעקט די פינגערס.

מען זעהט די ארבעט וואס מען לייגט אריין, די כוח און מוח וואס ליגט אין יעדן עמוד.

דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן פאר דאס וואס איר טוט.

א. רובינשטיין מאנטריאל

### גוטע רעיונות

איך האב זייער הנאה פונעם בלעטל יעדן איינציגן וואך.

איך האב געטראכט פון א געדאנק אויב מען קען צולייגן א אפטיילונג פון אינטערוויואוס, הערן אביסל פון אנשי שלומינו וויאזוי זיי זענען מקורב געווארן, אדער אנדערע אינטערסאנטע זאכן וואס מען האט צו פארציילן פון אלטע ארום זייער התקרבות, אדער פון די הפצה וואס מען מאכט וכדומה.

אויב איר ווילט האבן הילף, בין איך גרייט אייך צו העלפן, ביטע זיך פארבינדן מיט מיר.

מ. ש. ש. קרית יואל

רעדאקציע: עס איז זייער א שיינעם געדאנק, און מיר וועלן אם ירצה השם ארבעטן דערויף. אויב איינער האט א געדאנק מיט וואס שענער צו מאכן דעם בלעטל, קען זיך אלץ פארבינדן אויף 845-379-1161

## זמנים Liberty

פרשת שמות כ"א טבת תשפ"ב

הדלקת הנרות.........04:14
מוצאי שבת ...........05:45
מנחה מעריב וארא . 05:30

## קרית ברסלב ליבערטי

| | |
|---|---|
| שבת קודש: | 31/23 |
| זונטאג: | 32/20° |
| מאנטאג: | 31/19 |
| דינסטאג: | 32/20 |
| מיטוואך: | 32/20 |
| דאנערשטאג: | 31/18 |
| פרייטאג: | 32/20° |

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמעון קורדוזו הי"ו**
**וזוגתו נחמה מלכה תחי'**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקן פאר משפחת קורדוזו שיחי' פארן זיך אוועקגעבן מיטן גאנצן הארץ פאר די הצלחה פונעם שטעטל, דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן אלעס גוטס.


HURLEYVILLE LEASING
AUTO SALES & LEASING

Sales@hurleyvilleleasing.com 845-720-0041

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה
# פרשת ויחי?

## פון רעכטס צו לינקס

2. ביים רבי'ן איז געווען א שטארקע____ ____
4. ____יאר געטון מיט אידישע קינדער
6. העלף מיר איך זאל זיין שטענדיג____
7. דער אייבערשטער איז מיט דיר, ביי דיר, און____דיר
10. הער אויף זיך צו____, הויב אן דאנקען און לויבן
12. קיין____איז גארנישט פארהאנען
14. דער צדיק דער גאסט טרעפט דעם רבי'ן____אין וואלד
17. אנשטאט זיך קריגן מיט די קינדער, נעם זיי פאר דייגע____
18. דער____איז דער שדכן
19. ווען מ'רעדט צום אייבערשטן איז אלעס____

## פון אויבן אראפ

1. מיט אפאר אמת'ע ווערטער צום אייבערשטן, ווערט אפגעמעקט אלע____
2. אויף דרך ארץ דארף מען לייגן א שטארקע____
3. ביי א____פון א צדיק, ווערן אנגענומען אלע תפילות
5. מ'האט געעפנט א בית המדרש היכל הקודש אין____ ____
8. אז מ'לערנט די____, וועט מען שוין אליינס וויסן ווי אזוי זיך צו פירן
9. די אינגעלייט זאלן זיך קובע זיין צו לערנען____
11. אז מ'רעדט פון תורה, תפלה, און שלום בית, איז מען ביים____
13. דער צדיק דער גאסט האט געגעבן פארן רבי'ן צוויי____
15. אויפ'ן שאטל קען מען אנצינדען נאר____ניגונים
16. האלט קאפ אויף צוויי זאכן, ס'זאל זיין____, און מ'זאל רעדן פון רבי'ן



# שטעטל נייעס

## סעודת הילולת רבי נתן זצ"ל געפראוועט אין שטעטל



עשרה בטבת ביינאכט, איז זיך די גאנצע שטעטל צאמגעקומען אין בית המדרש ווי מען האט זיך געוואשן צו א סעודה לכבוד די הילולא פון הייליגן רבי נתן, צוזאמען מיט א גרויסארטיגע סיום אויף מסכת תענית, וואס ווערט געלערנט דורך אנשי שלומינו אלוועלטליך, אזוי אויך ווערט עס פארגעלערנט אין שטעטל יעדן טאג צופרי דורך דעם מגיד שיעור הר"ר יעקב משה אינדארסקי שליט"א און ביינאכט דורך דעם חשובן דיין שליט"א, אזוי אויך ווערט עס געלערנט אין כולל יעדן טאג בטוב טעם ודעת.

מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו האט געמאכט דעם סיום אויף מסכת תענית און דערנאך געזאגט קדיש.

ביים סעודה האט מען געהאט די זכיה צו הערן דיבורים פונעם ראש ישיבה שליט"א דורך א הוק-אפ וואס איז געזאגט געווארן בשעת מעשה ביים סעודה הילולא אין וויליאמסבורג, ווי דער ראש ישיבה האט ארויס געברענגט די וויכטיגקייט פון גיין אין די וועגן פון הייליגן רבי נתן, וואס האט אלץ נאר געוואלט און דאס איז אים געגאנגען אין לעבן  אז נאך א איד זאל וויסן פון די הייליגע עצות, און נאך א איד זאל וויסן אז ער קען זיין אן ערליכער איד. ער האט געדריקט די ספרים פון רבי'ן מיט מסירות נפש, מען האט אים נאר געזוכט אונטער צוברענגען, אבער ער איז אנגעגאנגען א גאנץ לעבן מיט די הייליגע ארבעט. דאס דארפן מיר מיטנעמען פון אזא טאג, אז מיר זאלן אויך זעהן - יעדער איינער אויף זיין וועג - צוריק צו ברענגען אידישע קינדער צום אייבערשטן.

אויך האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם דיין שליט"א ביים סעודה, דער דיין שליט"א האט זיך ארויס געלאזט אין א פייערדיגן טאנץ גלייך נאך די סעודה און מיטגעשלעפט אלע אינגעלייט אינעם טאנץ, מען האט געטאנצן גאר לעבעדיג אויף די זכיה וואס מיר האבן צו זיין אין אזא הייליגע שטעטל, וואס אלע ווילן נאר דעם אייבערשטן און אזוי איז מען מחנך די קינדער.

## א נייע לעבנסוויכטיגע מאשין געקויפט על כל צרה שלא תבא




גאר א וויכטיגע מאשין וואס מיט'ן אייבערשטן'ס הילף קען מען מיט דעם ראטעווען דעם לעבן פון א מענטש אין א צייט פון נויט אויב איינער וועט וועקפאלן חס ושלום, איז נתנדב געווארן דורך א חשובער נדבן הרוצה בעילום שמו - פארן בית המדרש אין שטעטל.

שוין א לאנגע צייט וואס מען רעדט פון דעם אז מען דארף דאס האבן, בפרט ווען די ציבור ווערט שוין גרעסער, עס דאווענען דא יעדן טאג א גרויסער עולם, אויך געפונט זיך די כולל אינעם בנין א גאנצן טאג. ברוך השם אז עס האט געקענט צושטאנד קומען, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל עס קיינמאל נישט דארפן נוצן.

## בית המדרש אשר בנחל צוריק גענפנט



נאך א לענגערע צייט וואס דער בית המדרש אשר בנחל אויף די דענמאן גאס איז געווען פארמאכט צוליב די איבערבויען ארבעט, קומט יעצט אריין די פריידיגע בשורה אז עס איז שוין ברוך השם צוריק געעפנט געווארן, אזוי אויך איז די מקווה גרייט צום באניץ פאר אלע חשובע מתפללים.

# היכל הקודש נייעס

## סעודת הילולת רבי נתן זצ"ל ביי אלע חבורת היכל הקודש אלוועלטליך



די פארגאנגענע וואך מאנטאג ויחי עשרה בטבת איז געפראוועט געווארן די סעודת הילולא פון רבי נתן זכר צדיק לברכה אין אלע געגענטער וואו עס איז געפינט זיך א היכל הקודש חבורה, אין אמעריקא אייראפע און אין ארץ ישראל.

מיר וועלן באשרייבן די סעודת הילולא פון אפאר געגענטער לויט וויפיל אינפארמאציע מיר האבן באקומען, אויב איז נישט באשריבן געווארן פון אייער געגענט שיקט אריין די אינפארמאציע צום מערכת.

### בני ברק

אין שטאט בני ברק איז מען זיך צאמגעקומען אין שטוב פון ר' יעקב הורוויץ הי"ו, מען האט זיך געוואשן צו א סעודה, דערנאך האט אויפגעטרעטן ר' משה יצחק קליין הי"ו מתלמידי היכל הקודש, וואס האט ארום גערעדט פון די גרויסקייט פון אוועק לייגן די אייגענע שכל, און פאלגן אלעס וואס דער צדיק זאגט. דערנאך האט אויפגעטרעטן ר' דן כהן הי"ו מתלמידי היכל הקודש, וואס האט גערעדט פון די התפעלות וואס ער האט פון די חבורה.

ביים סוף האט מען געמאכט אן אפיעל פאר די נייע שול וואס מען עפענט יעצט אויף אין בני ברק, אלע האבן זיך אינטערגענומען א סכום קבוע מיט וואס ער וועט ארויסהעלפן דעם שול.

דערנאך האט מען גאר פרייליך געטאנצן און געזינגען א שטיק צייט.

### בית שמש

אין שטאט בית שמש איז מען זיך אויך צאמגעקומען אין שטוב פונעם גבאי הבית המדרש ר' שלמה מינצבערג הי"ו, ביי די סעודה האט מען געהערט שיינע דיבורים פון א גאסט פון קרית ברסלב ליבערטי וואס איז געווען אין ארץ ישראל מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו וואס האט פארציילט אביסל פון זיין סיפור התקרבות און אזוי ווייטער.

### ירושלים

אין ירושלים איז מען זיך צאמגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש ווי די חשובע גבאים פון בית המדרש האבן צוגעשטעלט א שיינע סעודה לכבוד די הילולא, ביים סעודה האט אויפגעטרעטן א גאסט פון וויליאמסבורג וואס איז געווען אין ארץ ישראל ר' אהרן וועבערמאן הי"ו וואס האט ארום גערעדט פון די שיינע מתנות וואס מיר באקומען אין היכל הקודש, איבעראל איז דא שיינע קהילות, אבער דא איז די חידוש אז מען באקומט לופט צו אטעמען יעדן איינציגן טאג.

דערנאך האט גערעדט די גבאי פון בית המדרש ר' יצחק שמואל פרענקל הי"ו, וואס האט פארציילט וויאזוי מוהרא"ש זי"ע האט אנגעהויבן שרייבן אשר בנחל, און שטארק ארום גערעדט פון אמונת צדיקים.

דערנאך איז מען ארויס אין פייערדיגע טענץ לכבוד די הילולא קדישא.

### צפת - טבריה

תלמידי היכל הקודש פון צפת - טבריה זענען זיך צאמגעקומען אינעם זאל פון האטעל בוטיק, וואו עס איז געווען צוגעגרייט א סעודה לרגל די יומא דהילולא, און אויך איז פארגעקומען סיומים פון מסכת תענית, געלערנט געווארן במסגרת פונעם דף הקהילה.

שפעטער האט ר' נחמן יאקאבאוויטש הי"ו געמאכט אן אפיעל פארן בית הדפוס אין צפת וואס פון דארט גייט ארויס די הפצה פון אלע געגנטער אין גליל, אלע האבן זיך גאר שיין משתתף געווען.

### מודיעין עלית

מען איז זיך צאמגעקומען צום גרויסן סעודת הילולא, וואס איז געפראוועט געווארן צוזאמען מיט א סיום מסכת תענית, ביים סעודה האט מען פארציילט שיינע מעשיות פון תפלה און מעשיות פון הפצה.

מען האט גערעדט וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט אויף רבי נתן, אז ווען נישט רבי נתן וואלט נישט געבליבן פון אים קיין איין שמות בלעטל, האט איינער געזאגט אויף דעם אז ווען נישט דער ראש ישיבה וואלט ער נישט געלערנט קיין איין דף (בלעטל) גמרא...

נאכן בענטשן האט מען זיך ארויס געלאזט אין א טאנץ, זיך פרייען מיט די גרויסע שמחה אז מיר זענען דא ביים הייליג'ן רבין, און מיר פאלגן זיינע לעכטיגע עצות וואס ער לערנט אונז אויס.

### בלומינג גראוו

מען איז זיך צאמגעקומען אין בית המדרש היכל הקודש פון אלע געגנטער ארום, עס האט אויפגעטרעטן די גבאי בית המדרש ר' בערל לעווי הי"ו מיט שיינע דיבורים לכבוד די הילולא און אויך לכבוד די סיום מסכת תענית, וואס ער לערנט פאר יעדע נאכט אין בית המדרש.



# מעשיות פון תפילה

## שלום יוסף ניישטיין - קרית ברסלב:

**א.** איך האב געהאט א אלטע קאר וואס איך האב געוואלט פארקויפן ווייל איך האב שוין געדארפט האבן א נייע, אבער וואו טרעף איך א קונה? האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א קונה גרינגערהייט און פאר א גוטע פרייז.

שכח אייבערשטער! נאכן בעטן דעם אייבערשטן א שטיק צייט, האב איך געטראפן א גוטן קונה, און נאכדערצו פאר די פרייז וואס איך האב געוואלט.

**ב.** איין טאג בין איך אריינגעפארן אין שטאט מיט מיין נייע קאר, איך האב מיט גענומען אפאר קינדער, ס'איז געווען א ווינטערדיגע וועטער און די ראודס זענען געווען גליטשיג און פארשנייט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר'ן ארויספארן אז מיר זאלן אנקומען בשלום געזונטערהייט.

איך בין געפארן אביסל שטייט צוליב דעם וועטער, אינמיטן פארן פיל איך א זעץ! דער קאר וואס איז געפארן אינטער מיך האט געגעבן א קראך אריין אין מיין קאר! מיין קאר מיט אונז אלע אינעווייניג האט זיך גענומען דרייען און פליען אויף די גאנצע ברייט פון די ראוד, מיין טראנק וואס איז געווען אנגעפילט מיט ספרים קנטריסים און גליונות האט זיך געעפנט פון די זעץ און אלע ספרים זענען ארויסגעפליגן פון קאר אזש די גאנצע ראוד איז געווארן פיל מיט ספרים.

נאך אפאר שרעקעדיגע מינוטן האט זיך דער קאר אפגעשטעלט, און איך טרעף מיך אויף די פארקערטע זייט פון ווי איך בין געפארן!! שכח אייבערשטער אז ס'איז גארנישט געשען צו קיינעם און יעדער איז ארויס אן קיין קראץ.

אויך איז וויכטיג צו באמערקן אז הפצה האט אויך געהאט א שיין חלק אין די מעשה, ווייל ווען נישט די אלע ספרים וואלט דער זעץ פון די קאר אנגעקומען ביז צו די קינדער וואס זענען געזעצן פון אינטן!

## משה שמואל וואלין - עפולה, ארץ ישראל:

איך האב אויסגעהערט דעם שיעור וואס דער ראש ישיבה האט געגעבן מיטוואך פרשת ויגש, ביים סוף שיעור האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די בחורים אז ער גייט פארן אויף ארץ ישראל און ווילן דארט שבת ויגש, איך האב געהערט דעם שיעור ערשט דאנערשטאג ווען דער ראש ישיבה איז שוין געווען אין ארץ ישראל. גלייך האב איך אנגעקלונגען איינע פון אנשי שלומינו צו געווארן ווערן וואו דער ראש ישיבה גייט אלץ זיין.

איך האב געהערט אז דער ראש ישיבה גייט זיין שבת אין און איך האב געהאט גרויס חשק צו מיטהאלטן דעם דערהויבענעם שבת, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל האבן וואו צו איינשטיין פאר מיר מיט מיין משפחה, איך האב באקומען א ליסט פון פלעצער וואו מען קען אפשר איינשטיין אבער איך האב נישט געהאט קיין צייט צו רופן די גאנצע ליסט און אויך האב איך נישט געוואלט דארפן זיין ביי פרעמדע מענטשן.

למעשה האט בכלל נישט אויסגעזען אז איך גיי האבן וואו צו זיין אין ירושלים אויף שבת אבער איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן, ביז איך האב זיך דערמאנט אז איך האב א קאזין וואס וואוינט אין ירושלים, איך האב אים גערופן און געפרעגט צו ער ווייסט וואו איך וואלט געקענט זיין פאר שבת, זאגט ער מיר אז פונקט איז זיין טאטע אוועקגעפארן אויף שבת און די הויז איז ליידיג און איך קען דארט זיין.

שכח אייבערשטער אז איך בין געווען אין ירושלים און געקענט מיטהאלטן דעם הערליכן שבת מיט'ן ראש ישיבה!!!

## שלום אלי' אינדיג - מאנטרעאל, קאנאדא:

מיר האבן דא א פרינטער וואו מען דרוקט גליונות יעדע וואך און איך פארשפרייט עס פאר די לאקאלע מענטשן. לעצטנ'ס האט זיך דער פרינטער צובראכן און ס'איז געקומען ערב שבת חנוכה און איך האב נאכנישט געהאט קיין גליונות, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל טרעפן איינער וואס זאל מיך קענען ברענגען גליונות פון שטעטל.

שכח אייבערשטער אז איך האב מיך דערוויסט פון איינער פון שטעטל וואס קומט אויף שבת קיין טאהש און ער האט מסכים געווען מיך צו ברענגען די גליונות.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו
## פונעם ראש ישיבה שליט״א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד תַּלְמִידִי הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן דִי שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוי״ס פוּן ...; עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק נִאוּף, אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ. פְרֵייעֶ מֶענְטְשְׁן מַאכְן דָאס, **זֵיי פַארְשְׁטֶעלְן זִיךְ ווִי הֵיימִישֶׁע אִידְן** וְכוּ' כְּדֵי אַרַיין צוּ נַארְן תְּמִימוּת'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן ווִי דִיר, אוּן לֵיידֶער מַעֲשֶׂה שָׂטָן הִצְלִיחַ, זֵייעֶר אַסַאךְ פְרוּמֶע אִידְן קוּקְן דָאס אוּן וֶוערְן אַזוֹי אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן דִי מָאוִוי״ס; אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ ווֵיינְט אוּן שְׁרֵייט פַארְוָואס דוּ ווִילְסְט נִישְׁט קוּקְן צוּזַאמֶען מִיט אִיר וְכוּ', זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט צוּהֶערְן; בַּיי דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת אוֹת עֵצָה, סִימָן ט): **"הַהוֹלֵךְ אַחַר עֲצַת אִשְׁתּוֹ, נוֹפֵל בְּגֵיהִנֹּם"**, וֶוער עֶס גֵייט נָאךְ דִי עֵצָה פוּן זַיין וַוייבּ וֶועט בַּיים סוֹף אָנְקוּמֶען אִין גֵיהִנּוֹם; זָאג פַאר דַיין וַוייבּ: **"אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט קוּקְן דִי מָאוִוי״ס"**, אֲפִילוּ זִי זָאגְט דִיר אַז אִיר שְׁוֶועסְטֶער קוּקְט דִי מָאוִוי״ס מִיט אִיר מַאן, דִי חַבֶר'טֶע קוּקְט מִיט אִיר מַאן מָאוִוי״ס, אוּן אֲפִילוּ זִי זָאגְט דִיר בְּשֵׁם דַיין שְׁוֶוער אַז מֶען מֶעג דָאס קוּקְן זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט קוּקְן דִי מָאוִוי״ס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, **זַיי שְׁטַארְק ווִי אַייזְן** נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין מָאוִוי״ס, אֲפִילוּ דַיין וַוייבּ מוּטְשֶׁעט דִיר; **נִישְׁט דָאס מֵיינְט שָׁלוֹם בַּיִת**, נִישְׁט מִיט דֶעם דַארְף מֶען נָאכְגֶעבְן דִי וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא, נט:): **"אִתְּתָךְ גוּצָא, גְּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ"**, אַז דַיין וַוייבּ אִיז קְלֵיין (קְלֵיינְקֶעפִּיג), בֵּייג דִיךְ אַרָאפּ צוּ אִיר אוּן הֶער אִיר אוֹיס, דָאס אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צִי "מִילֵי דְעָלְמָא" אוּן צוּ "מִילֵי דְבֵיתָא", וֶוען עֶס קוּמְט צוּ וֶועלְט זַאכְן אוּן צוּ שְׁטוּבּ זַאכְן וְכַדוֹמֶה, דָארְט דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם **"אִתְּתָךְ גוּצָא, גְּחִין וְתִלְחוֹשׁ לָהּ"**, בֵּייג אַרָאפּ דַיין גַאֲוָה אוּן הֶער אוֹיס וָואס זִי זָאגְט, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צִי "מִילֵי דִשְׁמַיָּא" - וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תּוֹרָה, תְּפִילָּה אוּן שְׁמִירַת הַמִּצְוֹת וְכַדוֹמֶה, דָארְט טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְן קַיין רִיר; **אַ מַאן דַארְף הָאבְן שְׁטַארְקֶע פְּרִינְצִיפְּן** וָואס עֶר בֵּייגְט זִיךְ נִישְׁט דֶערְבַּיי פַאר קֵיינֶעם, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קְדוּשָׁה, צוּ זַיין הֵיילִיג; אֲפִילוּ זִי ווֵיינְט אוּן שְׁרֵייט טָאר מֶען נִישְׁט נָאכְגֶעבְן.

**זַיי אִיר מְכַבֵּד אוּן רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר**, וֶועט זִי נִישְׁט דַארְפְן דִי עֶקְלְדִיגֶע מָאוִוי״ס, זִיץ מִיט אִיר אוּן פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר וֶועט זִי אָפְּלָאזְן דִי שְׁמוּץ.

אִיךְ וֶועל אִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה
## פון דער ראש ישיבה שליט״א



### תיקון הכללי

א אינגערמאן האט געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט״א אז דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן רה) בשעת מען זאגט דעם 'תיקון הכללי' זאל מען אינזין האבן דער מילוי: **"אָלֶף לָמֶד, אָלֶף לָמֶד הֵי יוּד מֵם"**, וויל ער וויסן אויב מען האט נישט אינזין דער מילוי צי מען האט יוצא געווען? האט דער ראש ישיבה שליט״א געענטפערט: "אויב מען זאגט דעם 'תיקון הכללי' אפילו מען האט נישט אינזין געהאט דעם מילוי האט מען יוצא געווען".

און דער ראש ישיבה שליט״א איז אריין אין א לענגערע שמועס איבער דעם און געזאגט: **מוהרא״ש האט מחדש געווען א פראקטישע עצה**, אז בשעת מען זאגט די ווערטער (תהלים עז, ב): "אֶל אֱלֹקִים" זאל מען אינזין האבן דער מילוי פון "אָלֶף לָמֶד, אָלֶף לָמֶד הֵי יוּד מֵם". געוויסע מענטשן האבן געהאט טענות אויף מוהרא״ש, ווייל דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן רה) אז דאס איז דער מילוי פון די צוויי שמות פונעם אייבערשטן "אֵ-ל אֱלֹקִים", און אין קאפיטל ע״ז שטייט עס נישט מיט א צירי, אֵ-ל, וואס איז טייטש: אייבערשטער, נאר מיט א סגול, אֶל, וואס איז טייטש: צו. האט מוהרא״ש געזאגט דערויף, די וואס האבן טענות אויף דעם שטאמט פון עמי הארצות, ווייל מיר געפונען דאס אויך אין מדרש (בראשית רבה סימן צח, ג) ווי מען דרש'ענט דעם ווארט 'אֶל' וואס שטייט געשריבן מיט א סגול - אלס נאמען פונעם אייבערשטן; און בכלל וואס איז שייך צו האבן טענות דערויף, האב איך דען דערמיט מתיר געווען אן עגונה, **וואס ביסטו אזוי ברוגז דערויף**, איך האב סך הכל געגעבן אן עצה טובה מען זאל דאס אינזין האבן ביי די ווערטער, כדי מען זאל דאס געדענקן.

און דער ראש ישיבה שליט״א האט דערציילט, אז איינמאל האט ער נאכגעקוקט מוהרא״ש אין אומאן ביים רבינס ציון, **איך האב געוואלט זען יעדע תנועה פון מוהרא״ש ביים זאגן תיקון הכללי**, מוהרא״ש האט געזאגט דעם 'תיקון הכללי' אין א אנדערע דרוק, וואו עס שטייט נישט צוגעצייכנט דער מילוי ביי די ווערטער "אֶל אֱלֹקִים", האט מוהרא״ש צוריק געמישט צום אנהייב קונטרס וואו עס שטייט ארויסגעשריבן דער מילוי און געזאגט די ווערטער "אֶל אֱלֹקִים" פון דארט.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

# הפצה ווינקל




## בְּרִיוו

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, שְׁנַת תשׁ"פ לִפְרָט קָטָן**

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס עֶנְטְהַאלְטְן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען לֶעבְן אַ חַיִּים טוֹבִים; **זֵיי פַארְגִינֶען פַאר אַנְדֶערֶע** צוּ הָאבְּן וָואס זֵיי הָאבְּן, 'אַז אִיךְ בִּין זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַיֶ' מִיט דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַארְגִין אִיךְ דָאס פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּי"ן, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ לֶעבְן דִי זִיסֶע לֶעבְן וָואס אִיךְ לֶעבּ'.

אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט דָאס צוּ הַאלְטְן פַאר אַ סוֹד אַז נָאר אִיר זָאלְט וִויסְן פוּן דֶעם, אִיר דַארְפְט טְרַאכְטְן וֶועגְן וִוי אַזוֹי **אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן פְרַיינְט זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים** כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס טְרַאכְט טָאג אוּן נַאכְט: 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַיֶ' זַיין נָאךְ אַ אִיד?' 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען נָאךְ אֵיינֶעם דָאס זִיסְקֵייט פוּן לֶעבְן?' 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז נָאךְ מֶענְטְשְׁן זָאלְן וִויסְן אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן לֶעבְן מִיט דִי תּוֹרָה'; דֶער וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין דִי מְחִיצָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן כד): **"הַמַּחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה, זוֹכֶה וְיוֹשֵׁב בִּישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַטֵּל הַגְּזֵרָה בִּשְׁבִילוֹ"**, דֶער וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זוֹכֶה צוּ זִיצְן אוֹיבְן אִין הִימְל אִין דִי יְשִׁיבָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין זַיין זְכוּת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְבַטֵּל אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## א מעשה פון הפצה

יצחק פאפנהיים:

איין מאל בין איך געפארן צום ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו און צום הייליגן רבי שמעון אין מירון.

פארן ארויספארן האב איך געטראפן מיין קאזין און איך האב אים פארציילט אז איך לאז מיר יעצט ארויס אויפן וועג צו גליל, זאגט ער מיר אז ער האט אויך גרויס חשק צו גיין קיין מירון - אויב ער קען מיטקומען, האב איך אים געזאגט הארצן גערן פארוואס נישט.

מען האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג, דער וועג נעמט אפאר שעה, אזוי פארענדיג האב איך אנגעצינדן א דרשה פונעם ראש ישיבה שליט"א, פארשטייט זיך מען האט געהערט אויפן שיעור התחזקות אויף אמונה אז "דער אייבערשטערווארט אויף יעדן איד ער זאל צוריק קומען צו אים, הייב אן שמועסן מיטן אייבערשטן אויף דיין שפראך וואס דו ביזט געוואוינט צו רעדן" און אזוי ווייטער.

מען איז געווען אין מירון און אזוי אויך אין יבנאל, און דערנאך זענען מיר אהיים געפארן.

איך האב געמיינט אז דא האט זיך די מעשה געענדיגט, למעשה טרעף איך אים א שטיק צייט שפעטער און ער זאגט מיר: דו ווייסט נישט וואספארא טויש אין מיין לעבן די דרשה האט געמאכט מיט מיר, עס האט זיך מיר געעפענט א נייע וועלט זייט דעמאלטס, מיין שטוב איז געווארן א נייע שטוב, איך לעב היינט אסאך שענער אין שטוב ווי פארדעם, איך קום זיך אויס מיט מיינע קינדער, איך ווייס שוין וואס די עכטע לעבן איז.

איין היטש האט געראטעוועט א גאנצע משפחה!

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצות אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## אידישע קונטרסים איבערגעדרוקט

עס איז יעצט ארויס פון דרוק פילע אידישע קונטרסים, וואס זענען שיעורים געגעבן געווארן דורך מוהרא"ש זכותו יגן עלינו במשך די יארן ליל ששי אפגעשריבן אין קונטרסים, נאכדעם וואס עס איז געווען א פארלאנג פאר א לאנגע צייט אז מען דארף די קונטרסים, אבער עס איז שוין נישט געווען צו באקומען. דערפאר האט מען עס פון פריש איבערגעדריקט הערליך שיין. אט האט איר די איסוואל

"מיין קינד איך האב דיר ליב"

"לאז נישט נאך"

"קלאפ דיך נישט אראפ"

"הייבט אייך אידעלעך"

"הכרת הטוב"

"געב זיך אכטונג"

"עס וועט נאך ליכטיג ווערן"

"דערלעבט ברוך השם"

"דער ריכטיגע שלום"

"דער אוצר איז ביי דיר"

"די וועג ארויס"

"א אנגענעם לעבן"

"א אידישע שטוב"

"א צופרידענע לעבן"

"א נייע וועלט"

"א גוטע וואך"

"א גאנצע אמונה"

"דו ביזט נישט פארלוירן"

# בילדער פון קרן הדפסה



די אידישע קונטרסים קומט ארויס פון דרוק



מען דרוקט איבער די אידישע קונטרסים



מען דרוקט איבער "אידיש בנחל אידיש"

אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**יקותיאל יודא איינהארן**
לינדען

**יעקב האלצער**
קרית יואל

**מרדכי אהרן הייլפרין**
קרית ברסלב

**ישראל הערשקאוויטש**
מאנסי

**משה העללער**
לעיקוואד

**שמואל אליעזר פערל**
לאנדאן

**מנחם זאב שטערן**
סטעטן איילענד

**יחזקאל שרגא קרויס**
בארא פארק

**אייזיק קאהן**
דזשערזי סיטי

**חיים יוסף ראזענבערג**
ווילאמסבורג

**הרוצה בעולם שמו**
בארא פארק

**יצחק יונה זאבעל**
קרית יואל

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**

email: **donate@kerenhadfusa.org**

whatsapp: **518.966.2370**



# א מעשה
## פון א צדיק

## רבי אהרן קובליטשער זכותו יגן עלינו

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד צְוִוישְׁן 'אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ' רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרוּם, עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ נָאר הַארְטֶע בְּרוֹיט, אוּן טֵיי, דָאס הָאט מֶען גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקֶן, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא לֶעכְטִיגֶע צוּרָה [אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ הוֹיכֶער אוּן גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ], כְּאִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט יֶעצְט גֶעגֶעסְן אַ פוּלֶע פָּארְצְיֶע בְּהֵמָה פְלֵייש.

עֶר הָאט גֶעהַאט אִין זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי מִדָּה פוּן 'שִׂמְחָה', אַז עֶר הָאט פְרֵיילִיךְ גֶעמַאכְט יֶעדְן אִיד אַפִּילוּ לְהַבְדִיל גוֹיִם, עֶר פְּלֶעגְט טַאנְצְן אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן בַּיי יֶעדֶע חֲתוּנָה, אַזוֹי וַוייט אַז דֶער מְעֻיָּאר פוּן דֶעם שְׁטֶעטְל 'קוּבְּלִיטְשׁ' הָאט אִים אַמָאל גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַ קוּה, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען פַאר אִים אַ גַאנְצֶע פַּארְמֶעגְן, וַוייל אַ קוּה גֶעט מִילְךְ, אוּן פוּן דִי מִילְךְ הָאט מֶען גֶעמַאכְט קֶעז מִיט סְמֵייטֶע אוּן פוּטֶער.

זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן [פַאר עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם קוּה]: אַהֲרֹן! וָואס פְרֵייסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק? דִי קִינְדֶער הָאבְּן דָאךְ נָאר הַארְטֶע בְּרוֹיט מִיט קְנָאבְל, אוּן אַבִּיסְל טֵיי?! הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: דוּ גְלֵייבְּסְט אַז עֶס וֶועט נָאךְ אַמָאל זַיין גוּט? זָאגְט זִי: אַוַודַאי! זָאגְט עֶר: אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שׁוֹין קֶענֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? זָאגְט זִי: אַז מֶען וֶועט הָאבְּן גֶעלְט אוּן קְלֵיידוּנְג פַאר דִי קִינְדֶער אַוַודַאי וָועל אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ! זָאגְט עֶר אִיר: "אִיךְ בָּארְג זִיךְ שׁוֹין יֶעצְט אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְטְס".

זַיין סֶדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט גְלַייךְ צוּפְרִי 'וָתִיקִין', נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעפּוּצְט דִי שִׁיךְ, אוּן זִיךְ מְסַדֵר גֶעוֶוען דִי בְּגָדִים, אוּן גֶענוּמֶען אַ טַאשְׁקֶע אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט דָארְטְן סְפָרִים, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר אַוֶועק גֵיין יֶעדְן טָאג פוּן שְׁטוּבּ, זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען אַ תְּמִימוּת'דִיגֶע פְרוֹי פְלֶעגְט זִי אִים פְרֶעגְן: אַהֲרֹן! ווּאוּ גֵייסְטוּ? זָאגְט עֶר: אִיךְ הָאבּ גֶעשֶׁעפְטְן צוּ מַאכְן. אוּן עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען אִין שׁוּהְל אָדֶער אִין פֶעלְד, בַּיינַאכְט אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

וַיְהִי הַיּוֹם, דִי וַוייבּ גֵייט אַרוֹיס אִין מַארְק אַיינְקוֹיפְן עֶפֶּעס, אוּן זִי הָאט צוּגֶעבּוּנְדְן בִּיז דֶערְוַוייל דִי קוּה מִיט אַ שְׁטְרִיק אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן, אוּן וֶוען זִי קוּמְט צוּרִיק, זֶעהְט זִי צוּ אִיר גְרוֹיס וֵוייטָאג, אַז דִי קוּה לִיגְט דָארְט אוֹיסְגֶעצוֹיגְן טוֹיטֶערְהֵייט, עֶס הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אַרוּם דִי שְׁטְרִיק אוּן זִיךְ דֶערְשְׁטִיקְט, זִי אִיז גֶעוָוארְן דֶערְפוּן זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער, טְרֶעפְט עֶר זַיין וַוייבּ אוּן דִי טֶעכְטֶער וֵויינֶען בִּיטֶערְלִיךְ: דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִיז אִין אֵיין מִינוּט פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, וַוייל דִי קוּה אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. הֵייבְּט עֶר אוֹיף זַיינֶע צְוֵויי הֶענְט אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: "דַאנְקֶען גָאט אַז נָאר דִי קוּה אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ קִינְד".

וֶוען מֶען הָאט אִים גֶענוּמֶען אִין מִילִיטֶער בַּיי דִי רוּסִישֶׁע רֶעגִירוּנְג, אִיז פּוּנְקְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַ גֶעזֶעץ, אַז וֶוער עֶס הָאט קִינְדֶער קֶען בַּאפְרַייט וֶוערְן פוּן מִילִיטֶער, אָבֶּער אַזוֹי וִוי עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִין מִילִיטֶער, אִיז זַיין טַאטֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי בַּאזֶע ווּאוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען, אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם הוֹיפְט, אַז זַיין זוּהְן אַהֲרֹן הָאט קִינְדֶער אוּן מֶען זָאל אִים בַּאפְרֵייעֶן, הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן אַ בַּאפְרַייאוּנְג, יֶעצְט הָאט מֶען אִים גֶעדַארְפְט גֵיין זוּכֶען צְוִוישְׁן דִי טוֹיזֶענְטֶער גוֹיִם...

דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז בַּיי יֶעדֶע שְׁטִיקְל שֶׁטַח אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ סָאלְדַאט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי סָאלְדַאטְן פוּן יֶענֶע פְּלַאץ, הָאט אֵיין סָאלְדַאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְן צְוֵוייטְן זַיין נָאמֶען, מֶען זָאל קוּקֶען ווּאוּ עֶר אִיז, אוּן אוֹיבּ עֶר שְׁלָאפְט נִישְׁט, אִינְמִיטְן הֶערְט זַיין טַאטֶע וִוי אֵיינֶער שְׁרֵייט: **שְׁכִינְתָּא בְּגָלוּתָא!** הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז זַיין זוּהְן אַהֲרֹן, וָואס קְלָאגְט אוֹיף דִי צָרוֹת פוּן אִידְן אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִים בַּאפְרֵייט. אוֹיךְ פַארְצֵיילְט מֶען אוֹיף אִים וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין דִי מִילִיטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט נֶעבֶּעךְ זֶעגְן דִיקֶע בֵּיימֶער פְרַייטִיג צוּנַאכְטְס, הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר זִינְגְט זִיךְ אוּנְטֶער בִּשְׁעַת'ן זֶעגְן (זְמִירוֹת לֵיל שַׁבָּת, זֶמֶר כָּל מְקַדֵּשׁ): **עַזוֹר עַזוֹר, עַזוֹר לַשׁוֹבְתִים בַּשְּׁבִיעִי, "בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר" עוֹלָמִים** [מִיטְן בַּאקַאנְטְן בְּרֶסְלֶבְ'ן נוּסַח].

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַדְרֵיגָה, אַז כָּאטְשִׁיג מֶען אִיז שׁוֹין אַזוֹי אַרָאפּ גֶעפַאלְן, אוּן מֶען דַארְף נֶעבֶּעךְ אַרְבֵּייטְן שַׁבָּת אִין מִילִיטֶער, דָאךְ זָאל מֶען זִיךְ נָאךְ אַלֶץ מְחַיֶה זַיין, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה.



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 14

פארזעצונג פון פריער:

דֶער וָואס הָאט דָאס מֶערְסְטֶע פַארְשֶׁעמְט אוּן מְצַעֵר גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אַהֵיים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶערוֹיף אַ מָשָׁל פַארְוָואס דֶער אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן

...

גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועקְגֶעפָארְן, אִיז דֶער אַגֶענְט פוּן דִי שִׁיפְן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אִים גֶעוִויזְן בְּרִיוו פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים פוּנֶעם דוֹר וָואס הָאבְן אִים גֶעשִׁיקְט בֶּעטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן דִי אִידְן וָואס פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶער מֶענְטְשׁ דָארְט בַּיי דִי שָׂרֵי הַמְלוּכָה, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט צוּם רֶבִּי'ן, "אִיר זָאלְט גוּט וִויסְן אַז אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר אוֹיסְזָאגְן וֶוער אִיר זֶענְט, פוּן וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה אִיר קוּמְט, אִיז גוּט. אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, קֶען אִיךְ אַייךְ מַאכְן אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע צָרוֹת, עֶס וֶועט אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין גֶעלְט פַאר שׂוֹחַד, אוּן נִישְׁט נָאר וָואס אִיר וֶועט נִישְׁט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נָאר אִיר וֶועט נָאךְ גֵיין זִיצְן אִין תְּפִיסָה". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוָוארְנְט דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אִים גְלַייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת, אַז זַיין נָאמֶען אִיז רֶבִּי נַחְמָן, אוּן אַז עֶר אִיז אַן אֵייניקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן פוּן רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע. וֶוען דֶער אַגֶענְט הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ צוּרִיק גֶעצוֹיגְן אוּן אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען.

צוּמָארְגְנְס אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס הַכְנָעָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן מִיט הַכְנָעָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט, "רֶבִּי, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ! אִיר זָאלְט וִויסְן אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ טוּן אַלֶע טוֹבוֹת, אוּן אִיר זָאלְט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּן הִימְל אוֹיף דֶעם וָואס אִיר הָאט מִיר אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיר זֶענְט, וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואלְט אִיךְ אַייךְ אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אוֹיף בֵּיידֶע וֶועלְטְן. יֶעצְט בֶּעט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט מִיר לָאזְן אַייךְ הֶעלְפְן מִיט וָואס סְ'פֶעלְט נָאר אוֹיס, סֵיי מִיטְ'ן דִינְגֶען אַ פְּלַאץ אוֹיפְ'ן שִׁיף, אוּן סֵיי מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן, וַוייל אִיךְ בִּין גְרֵייט אַייךְ צוּ בַּאדִינֶען אוּן הֶעלְפְן מִיט סֵיי וָואס אִיר דַארְפְט נָאר".

אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער אַגֶענְט וִוידֶער גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז סְ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ שִׁיף מִיט אִידְן פוּן חוּץ לָאָרֶץ, אוּן זֵיי הָאבְן מִיט זִיךְ אוֹיךְ אַ גוּטֶער שׂוֹחֵט.

דָארְט אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעפוּנֶען דֶער בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע, פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע, אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶע אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אִים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֵיי הָאבְן זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן וֶוער עֶר אִיז, אוּן ר' יִצְחָק הָאט זֵיי אוֹיסְגֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת.

דֶער צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף זי"ע הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל קוּמֶען צוּ זַיין אַכְסַנְיָא, אוּן עֶר וֶועט אִים שַׁיין אוֹיפְנֶעמֶען אַיינְצוּשְׁטֵיין בַּיי אִים. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז סְ'אִיז אִים גוּט צוּ זַיין וואוּ עֶר אִיז יֶעצְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט אִין אִיסְטַאנְבּוּל אַלֶע סָארְט קַטְנוּת'דִיגֶע זַאכְן, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בָּארְוֶועס אָן שִׁיךְ אוּן אָן אַ גַארְטְל אוּן הוּט, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן נָאר מִיט אַן אוּנְטֶערְשְׁלַאק וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן עֶפֶּעס אַן אָנְצוּג, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְ'ן גַאס וִוי יוּנְגַאטְשֶׁעס וָואס לוֹיפְן אַרוּם אוּן שְׁפִּילְן אוֹיפְ'ן גַאס. עֶר הָאט גֶעפִירְט שְׁפִּיל-מִלְחָמוֹת, זֵיי הָאבְן גֶעהַאט צְוֵויי גְרוּפֶּעס, אֵיינְס הָאט זִיךְ גֶערוּפְן פְּרַאנְקְרֵייךְ אוּן דִי אַנְדֶערֶע אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּן אַ צְוֵוייטֶע לַאנְד, אוּן אַזוֹי הָאבְן זֵיי גֶעשְׁפִּילְט וִוי אַן עֶכְטֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן זִיךְ. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִירְט דָארְט מִיט גְרוֹיס קַטְנוּת.

דֶערְנָאךְ הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ מַגֵיפָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִינֶעם חָצֵר וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן, פִּילֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען דָארְט קְרַאנְק גֶעוָוארְן אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן לֹא עָלֵינוּ, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמוּזְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין אַיינְשְׁטֵיין בַּיי דֶעם צַדִיק רֶבִּי זְאֵב וָואלְף פוּן טְשַׁארְנִי-אוֹסְטְרָאָה זי"ע.

דֶער צַדִיק הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גָאר גְרוֹיס כָּבוֹד, עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען אוֹיף אַן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶער פַארְנֶעם. כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן דָארְט אַסַאךְ זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט פַאר דֶעם צַדִיק, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי אוֹיף, פוּן דֶעסְט וֶועגְן "אַהֲבָה מְקַלְקֶלֶת הַשּׁוּרָה" (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נ"ה, י'), פוּן גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, נָאר עֶר הָאט אִים וַוייטֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

צוּם בֵּיישְׁפִּיל, יֶעדֶעס מָאל דֶער צַדִיק הָאט גֶעדַאוֶוענְט פַארְ'ן עָמוּד אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר פוּן רֶבִּי'ס, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שׁוֹין גֶעגֶעסְן דֶעמָאלְט, וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט גֶעדַאוֶוענְט פְּרִיעֶר, אוּן סְ'אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעדַאוֶוענְט הָאט שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעגֶעסְן דִי סְעוּדָה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מָאדְנֶע אִין דִי אוֹיגְן פוּן דֶעם צַדִיק.



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

חלק א'

**~ שבת התוועדות פרשת תולדות תשפ"ב ~**

א בחור תלמוד הישיבה פארציילט: איך מיט נאך אפאר בחורים האבן געהאט די זכיה צו זיין שבת פרשת תולדות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

ווי איר ווייסט אלע בעט דער ראש ישיבה כסדר די בחורים זאלן עוסק זיין אין צדקה - גיין נאך געלט פאר די ישיבה, דער ראש ישיבה האט גענומען די בחורים וואס גייען נאך געלט און ארויס א שבת מיט זיי אויף די בערג.

איך האב זיך פארצייכענט אפאר שיינע שמועסן פונעם שבת.

ווען איך האב אנגעגרייט דעם שבת טיש פאר די סעודה האט דער ראש ישיבה מיר געפרעגט וואו וועט מיין ווייב זיצן? האב איך געזאגט אין קאך, האט דער ראש ישיבה געקוקט שטרענג אויף מיר און געזאגט, "איך וויל מיין ווייב זאל זיצן ביים טיש מיט די קינדער אינאיינעם מיט מיר". איך האב צוגעלייגט א טיש און עס איז געווארן פלאץ, איך האב מיר פארצייכענט די שמועס, איך האב פארשטאנען אז עס איז זייער וויכטיג ביים ראש ישיבה צו זיצן שבת ביי די סעודה צוזאמען מיט די משפחה.

נאכן זמן האט דער ראש ישיבה זיך געזעצט זאגן שיר השירים מיט א זיסע תנועה, דער ראש ישיב האט באמערקט אז די בחורים לערנען זייערע שיעורים כסדרן איינער משניות א צווייטער ענדיגט די פרשה, האט דער ראש ישיבה געפרעגט די בחורים אויב זיי זאגן שיר השירים ערב שבת, ווען אפאר בחורים האבן געזאגט אז נישט, האט דער ראש ישיבה געזאגט "געוואוינט ענק איין צו זאגן, עס איז איז זייער א גרויסע זאך."

דער ראש ישיבה האט אונז אלע געבעטן מיר זאלן זאגן שיר השירים ביים טיש פארן גיין אין שול, און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "איך האב אזוי געטון אלע יארן פון מיין חתונה, מיין ווייב האט געצינדן די שבת ליכט, און בשעת זי האט געבעטן ביי די ליכט האב איך געזאגט שיר השירים, שפעטער ווען איך בין געווארן גבאי אין היכל הקודש וויליאמסבורג, איך האב געדארפט קומען ביים זמן אין שול אלעס מסדר זיין - האב איך אנגעהויבן זאגן שיר השירים אין שול". און דער ראש ישיבה האט פארציילט: "איך פלעג זען מוהרא"ש זיך אוועקזעצן פרייטאג צונאכט'ס נאכן דאווענען זאגן שיר השירים מיט אזא זיסקייט".

ווען מען איז געקומען צו די סעודה האט דער ראש ישיבה זיכער געמאט אז יעדער האט וואו צו זיצן, דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און דערנאך געטיילט פאר יעדן איינעם קידוש ווין.

איך האב באמערקט א אינטערסאנטע זאך, דער ראש ישיבה האט בטעות אויסגעלאזט איינע פון די קינדער, ווען דער ראש ישיבה האט באמערקט אז מען האט אים אויסגעלאזט האט ער זיך אנגערופן, "מאמי וויאזוי קען זיין איך האב פארגעסן צו געבן קידוש ווין פאר די בעסטע אינגל", איך האב געזען די חכמה פון מאכן די קינדער גוט שפירן.

נאכן עסן אביסל חלה און פיש האט דער ראש ישיבה געזאגט מען זאל ברענגן די צעטלעך פון די קינדער וואס זיי האבן אהיים געברענגט פון חדר און סקול.

<<<<

איך האב געוואורט צו זען ווי אזוי מען דארף פארהערן די שאלות און וואס טוט מען ווען די קינדער ווייסן נישט די ענטפערס, איך שמייכל נאך ביז יעצט פון די שאלות און תשובות, ווייל דער ראש ישיבה האט זיי געפרעגט די שאלות, און אן ווארטן אויב די קינד וועט וויסן וואס צו ענטפערן האט דער דער ראש ישיבה אנגעהויבן זאגן די ערשטע ווארט פון די תשובה אז עס איז נישט מעגליך געווען נישט צו וויסן די תשובה, און נאך יעדע תשובה האט דער ראש ישיבה געזאגט מיט א פרישקייט "האסט זייער גוט געקענט".

דערנאך האט מען געזינגען אזמר בשבחין און מען האט אריין געברענגט די זופ, בשעת'ן עסן די זופ האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן "לכבוד שבת קודש".

מען האט אריין געברענגט די זופ, האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן 'איך וועל ווייטער פארהערן נאך די זופ'.

שפעטער האט מען אריין געברענגט די פלייש און סערווירט פאר יעדן איינעם, דערנאך האט מען אנגעהויבן די באטע.

## ~ באטע ~

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: יעדער זאל זאגן א שיחה פון הייליג'ן רבי וואס ער געדענקט.

איין בחור האט זיך אנגערופן: דער רבי האט געזאגט פאר א בחור ער זאל צוריק קומען צו אים מיט א טלית, האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב: הערסט? א בחור טראכט נאר פון חתונה האבן. מן הסתם גייט יעדער זאגן עפעס א שיחה וועגן חתונה האבן.

מען איז ווייטער געגאנגען מיט די שיחות און א בחור האט זיך אנגערופן: דער הייליגער רבי זאגט א קבר פון א צדיק איז אזויווי קדושת ארץ ישראל. האט אים דער ראש ישיבה פאראכטן און געזאגט אז דער רבי זאגט: דער בעל שם טוב'ס קבר איז קדושת ארץ ישראל.

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט א שיחה אז דער רבי האט געזאגט "מיין פייערל וועט שוין טליען און צאנקען ביז משיח וועט קומען".

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט יעדער זאל נאכזאגן א שיחה פון הייליג'ן רבי נתן, נאכדעם וואס יעדער האט געענדיגט זאגן האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן: איך האב געמיינט איר וועט זאגן דער שיחה "רבי נתן האט איינמאל געזאגט: וועסטו מיר זאגן דו ביזט א בחור און דו ביזט אפגעהיטן וועל איך דיר נישט גלייבן, אבער אויב וועסטו מיר זאגן אז דו ביזט חתונה געהאט און דו ביזט ריין און אפגעהיטן וועל איך דיר גלייבן.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט יעדער זאל נאכזאגן א שיחה פון מוהרא"ש, און יעדער האט זיך פרובירט צו דערמאנען א שיחה.

אזוי האט זיך די באטע פארצויגן א לענגערע צייט מיט שיינע שיחות פון הייליג'ן רבי'ן און זיינע תלמידים.

דערנאך האט מען געזינגען זמירות שבת מיט א געשמאקייט, עס איז געווען ממש מעין עולם הבא.

יעדע רגע איז געווען טעם גן עדן, מען האט געשפירט די געשמאק פונעם שבת. דערנאך איז מען זיך געגאנגען לייגן אביסל, צו האבן כח צו דאווענען שחרית.

# בילדער
## אפטיילונג






סעודת הילולא פון הייליג'ן רבי נתן זצ"ל אין בית שמש
רעכטס: מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו ביים געבן א שמועס. לינקס: א טייל פונעם ציבור ביים סעודה



מען טאנצט גאר געשמאק נאכן סעודת הילולא פון רבי נתן זצ"ל אין קרית ברסלב ליבערטי



סעודת הילולא פון הייליג'ן רבי נתן זצ"ל אין בלומינג גראוו




סעודת הילולא פון הייליג'ן רבי נתן זצ"ל אין ירושלים
רעכטס: מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו ביים געבן א שמועס. לינקס: מו"ה יצחק שמואל פרענקל הי"ו  ביי זיין דרשה.

# בילדער
## אפטיילונג






תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל מיט'ן קרית ברסלב בלעטל



תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל מיט'ן מלמד מו"ה אשר קרויס הי"ו



די זריזות'דיגע קינדער פון ירושלים ביים אנגרייטן טישן און בענק פארן בית המדרש ערב שבת קודש פרשת ויגש תשפ"ב



דער ראש ישיבה שליט"א אין די גאסן פון מאה שערים



דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון פון גרויס'ן זיידן קארלסבורגער רב זכרונו לברכה אין מירון - זונטאג ויחי



דער ראש ישיבה שליט"א ביים ציון פון מוהרא"ש זכותו יגן עלינו זונטאג ויחי



# קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג

## זָאגְן תְּהִילִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת

דער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי נָאנְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי צוּגֶעבִּינְדְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אַז זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אֵיינֶער אָנֶעם צְוֵוייטְן. אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲבֵרִים זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן לא עָלֵינוּ, וֶוען זַיין חָבֵר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין חָבֵר: "וָואס קֶען אִיךְ טוּן דוּ זָאלְסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט?" הָאט אִים זַיין חָבֵר גֶעזָאגְט: "זָאג תְּהִילִים פַאר מִיר"; הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ תְּהִילִים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן מִיט תְּמִימוּת תְּהִילִים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל תְּהִילִים וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט זַיין חָבֵר אוֹיב עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין בֶּעסֶער, הָאט דֶער חָבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶענוּמֶען דֶעם תְּהִילִים אוּן גֶעזָאגְט נָאךְ אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים מִיט גְרוֹיס גֶעוֵויין, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֵייל אוֹיס מַיין חָבֵר", נָאכְדֶעם אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן זַיין חָבֵר צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, הָאט דֶער חָבֵר גֶעזָאגְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נָאךְ אַלְץ זֵייעֶר שְׁוַואךְ", אַזוֹי הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעזָאגְט תְּהִילִים אוּן נָאךְ יֶעדֶע קַאפִּיטְל אִיז עֶר נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן זַיין חָבֵר, אוֹיב עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין גוּט, בִּיז דֶער חָבֵר אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.




דער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז וָואס הֵייסְט זָאגְן תְּהִילִים מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אַז גְלַייךְ וֶוען מֶען זָאגְט אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים זָאל מֶען פְרֶעגְן דֶעם חוֹלֶה צִי עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן אוֹיב עֶר זָאגְט אַז נִישְׁט זָאל מֶען נָאכְאַמָאל נֶעמֶען דֶעם תְּהִילִים אוּן זָאגְן נָאךְ קַאפִּיטְלֶעךְ, אָן קַיין חָכְמוֹת, נָאר מִיט אֱמוּנָה אַז בִּזְכוּת דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וֶועט דֶער חוֹלֶה הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

# טרעף
די פאלגנדע ווערטער 3 מאל

# זאגן תהילים מיט תמימות און פשיטות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ב | ט | ל | ס | ר | צ | נ | פ | ל | ע | ל | ה | ע | נ | ח | צ | ש | מ | ד | פ | ס |
| ע | נ | ו | כ | ז | פ | כ | ע | ת | ת | ת | י | ט | ז | ש | ו | ג | ק | א | ש | ע | ה |
| ט | ת | ס | ד | ל | צ | ש | ד | צ | ו | ל | ח | נ | ה | ז | פ | א | ק | מ | ח | מ | ט |
| צ | ה | ר | ה | ג | ג | מ | נ | מ | פ | ל | ו | ג | ו | ש | מ | מ | ז | ר | ו | ל | ט |
| ע | י | ש | א | ז | י | ו | י | ו | ק | ב | מ | ז | י | ל | ו | י | י | ע | צ | ק | י |
| ר | ל | ש | ת | ט | א | מ | ז | ע | ט | א | ו | ט | ת | נ | ע | ס | ל | ט | מ | כ | ש |
| ש | י | כ | מ | ד | ת | ג | נ | א | ד | ש | ו | ר | ד | ו | מ | ז | ה | י | ב | ט | ה |
| ח | מ | נ | י | צ | צ | ק | נ | א | ב | ת | ג | ל | פ | א | מ | י | ל | א | ה | א | ז |
| א | ז | ק | מ | ק | מ | ח | כ | כ | ב | א | כ | י | מ | פ | ש | י | ט | ו | ת | ת | מ |
| ש | כ | ו | ו | ע | ג | ר | ש | ה | ז | א | ג | נ | ז | א | ה | ח | מ | ע | ה | ע | ת |
| ק | צ | ה | ת | ח | ק | ד | א | ב | פ | ש | י | ט | ו | ת | ק | ת | ס | ת | ח | ס | כ |

העלף נחמן נתן
אנקומען צו גיין
מבקר חולה זיין
אליעזר שלמה!








## א
## שיעור מיטן רבי'ן

### אמת

**ה. עַל יְדֵי אֱמֶת לֹא יָמִית קוֹדֶם זְמַנּוֹ הַקָּצוּב**

**טייטש.** דוּרְךְ אֱמֶת וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט.

**פירוש.** [אַז מְ'זָאגְט נָאר דֶעם אֱמֶת, וֶועט מֶען לֶעבְּן לַאנְג, מְ'וֶועט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם פַאר דִי צַייט וָואס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַארְאִים צוּלֶעבְּן.]



## חידות
### אפטיילונג

**ווען האט מוהרא"ש געזאגט די סגולה פון זאגן 40 טעג מסכת תענית?**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. זומער תש"ע
ב. זומער תשע"א
ג. שובבי"ם תשע"א
ד. שובבי"ם תשע"ב

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

**שאלה:** וויפל וואכן וועט זיין דאס יאר שובבים?

**ענטפער:** 8 וואכן

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**פייגא פארקאש תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

# סודאקא

| | | | |
|---|---|---|---|
| | | | 1 |
| 2 | | | |
| | | | 4 |
| 3 | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 1 | | | | | | | | 9 |
| | 4 | | 2 | 6 | 1 | | 3 | |
| | 6 | | | 5 | | | 1 | |
| | | 5 | 6 | | 3 | 4 | | |
| 8 | 1 | 4 | 7 | | 5 | 3 | 9 | 6 |
| | | 9 | | 1 | | 7 | | |
| | | | 9 | 3 | 4 | | | |
| 4 | 8 | | 5 | 7 | 2 | | 6 | 3 |
| 3 | | | | | | | | 5 |

# בילדער
## ארכיוון

## ביים בויען די ערשטע הייזער אין שטעטל



ביים ארויף ציען איינע פון די הייזער אויף האשקי גאס



ביים גיסן קאנקריט ביי א הויז אויף האשקי גאס



דער ראש ישיבה באזוכט איינע פון די הייזער אינמיטן בויען



דער ראש ישיבה באזוכט איינע פון די הייזער אינמיטן בויען



ביים בויען איינע פון די 8 הייזער אויף טווין ברידזש גאס



אינמיטן בויען די 8 הייזער אויף טווין ברידזש גאס

# בילדער ארכיוון

## ביים בויען די ערשטע הייזער אין שטעטל



ביים בויען איינע פון די הייזער אויף איסט מאנגאויפ גאס



ביים בויען איינע פון די הייזער אויף איסט מאנגאויפ גאס



ביים בויען איינע פון די הייזער אויף האשקי גאס



ביים בויען איינע פון די הייזער אויף אלד מאנטיסעלוי גאס



ביים בויען דעם הויז פונעם ראש ישיבה שליט"א



ביים בויען די יסודות פון די הויז פונעם ראש ישיבה שליט"א